## בניחום אבלים אצל משפחת הר"ר אהרן פישער ע"ה

יום ה' פרשת ויגש תשע"ג לפ"ק

**א' האבלים:** ווען איך בין געווען ביי רבי משה אבערלענדער אין שטוב, האב איך געזען די קונטרסים וואס ער האט געשריבן די דברי תורה פונעם **סערדאהעלער רב זצ"ל**, עס איז געשטאנען אויפן שער בלאט, דברי תורה ששמעתי **מכ"ק אדמו"ר רבן של כל בני הגולה הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל.**

**רבינו:** ער איז דעמאלטס געווען א יונגער בחור ווען ער האט עס געשריבן, ער איז קוים בר מצוה געווארן.

**א' האבלים:** די צוויי מחותנים, דער **סערדאהעלער רב**, און דער **פאפא'ער רב**, האבן געטויגט צו פירן ישיבות.

**רבינו:** זיי זענען געווען חברים אלץ בחורים אויך. זיי האבן צוזאמען געלערנט בחברותא ביים **ערוגת הבשם.**

**א' האבלים:** דער טאטע פלעגט מיר אייביג צו זאגן, אז ער פלעגט צו זעהן דעם רבי'ן, דער זיידע [**הגה"ק מסערדאהעלי זצ"ל**], ארויפלייגען די הענט אויף די מזוזה, אבער ער האט נישט געקושט די האנט. שפעטער האב איך געהערט אז אין בעלזא איז אזוי געווען דער מנהג, אז מען האט ארויפגעלייגט די הענט אויף די מזוזה, אבער מען האט נישט געקושט. שפעטער האב איך געפרעגט רבי יאשע בעלזער, וואס איז דער שורש פונעם מנהג. האט ער מיר געזאגט צוויי טעמים. איינס, ווייל דער יסוד הדברים איז פון די גמרא (עבודה זרה יא.) ביי די מעשה פון אונקלוס הגר, אז דער קיסר האט געשיקט איין גרופע פון זיינע חיילים אז מען זאל אים צוריקברענגען. און ער האט זיי מפתה געווען, און זיי האבן זיך מגייר געווען. ביז דער קיסר האט זיי געהייסען אז זיי זאלן נישט רעדן צו אים א ווארט, נאר מען זאל אים אנכאפן און ארויסשלעפן פון דארט. ווען ער איז אדורכגעגאנגען די מזוזה פון די טיר, אותיב ידיה עלה וכו'. עס שטייט נאר 'אותיב ידיה', ער האט נאר ארויפגעלייגט די האנט, אבער נישט מער. און נאך א טעם האט ער געזאגט, אז די האנט איז נישט ווערט, אז מען זאל עס קישן.

**רבינו:** עס איז אויך דא די זעלבע שאלה ביי א ספר תורה און ביי תפלין, צו מען זאל קישן די ספר תורה אדער די תפלין מיט די הענט, צו מיט א בגד. - א יוד האט מיר דערציילט, אז ווען ער איז געווען א קינד, איז ער געווען ביי **רבי ישכר דוב זי"ע**, און דער **בעלזער רב** האט נישט געלאזט קושן די הענט. ווען ער איז אדורכגעגאנגען געבן שלום, האט ער יא געקושט. האט דער **בעלזער רב** געבעטן אז ער זאל ווארטן אין די זייט. נאכדעם וואס דער עולם איז אדורכגעגאנגען, האט ער אים געפרעגט, פארוואס האסטו געקושט די הענט. האט ער געזאגט, ווייל פאר א צדיק דארף מען קושן די הענט. האט ער אים געזאגט, די קושסט די ספר תורה אויך? האט ער געזאגט יא. האט ער אים געפרעגט, דו הייבסט אויף די מענטעלע, און דו קושט די ספר תורה אליין, צו דו קושסט נאר די מענטעלע. האט ער געזאגט, איך קוש נאר די מענטעלע. האט ער אים געזאגט, עס איז גענוג אז מען קושט אויף די בעקיטשע, מען דארף נישט קושן די הענט (עיין בגליון 'דברי תורה' פרשת ויצא תשס"ט).

**א' האבלים:** ווי אזוי איז דער זיידע נתקשר געווארן קיין בעלזא?

**רבינו:** ער איז געווען א תלמיד פונעם **ערוגת הבשם**, און דער **ערוגת הבשם** איז געפארן קיין בעלזא. - דער **ערוגת הבשם** איז קודם געפארן קיין שינאווע, און נאך די פטירה פונעם **שינאווער רב**, איז ער געפארן קיין בעלזא.

**א' האבלים:** דער טאטע פלעגט צו פארן קיין ארץ ישראל אויך, צום **בעלזער רב זצ"ל**?

**רבינו:** ער איז געווען איין מאל.

**א' האבלים:** דער ברודער, דער **סערדאהעלער רב**, האט מיר געזאגט, אז ער איז געווען דארט תשי"ז, אויף די הייליגע טעג.

## בסעודת שבע ברכות של בת הר"ר יהודה ארי' לינק הי"ו

יום ה' פרשת ויגש תשע"ג לפ"ק

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, אז די ברודערס זענען געקומען פון מצרים, און זיי האבן געזאגט פאר יעקב, עוד יוסף חי, יוסף לעבט נאך, וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים, און ער איז א מושל אין מצרים, ויפג לבו כי לא האמין להם, ער האט זיי נישט געוואלט גלייבן, ביז זיי האבן געגעבן די אלע סימנים, ותחי רוח יעקב אביהם (בראשית מה-כו), יעקב'ס רוח האט אויפגעלעבט.

**אין** די מפרשים שטייט, מילא אז מען קומט זאגן פארן טאטן אז יוסף לעבט, און מען פארציילט אים אז יוסף פירט זיך בצדקות ובקדושה כאטש ער איז אין מצרים, איז עס א געוואלדיגע שמחה. א טאטע וואס מיינט אז ער האט פארלוירן זיין קינד, און אפילו ער הערט אז דאס קינד לעבט, אבער וואו איז דאס קינד, צוואנציג יאר וואלגערט ער זיך ארום אין מצרים אליין, ווער ווייסט וואס עס איז געווארן פון אים, און אז מען זאגט אים אז דאס קינד לעבט, און דאס קינד איז ערליך, איז עס אוודאי געווען א שמחה ביי יעקב אבינו. אבער אים צו פארציילן אז עוד יוסף חי, אז יוסף לעבט, און וואס איז יוסף, א מושל אין ארץ מצרים, א פרעזידענט אין אפריקע, וואס וועט דאס צוגעבן פאר יעקב אבינו, אז ותחי רוח יעקב אביהם? ער האט געהאט א קינד ווי יוסף הצדיק, וואס אלעס וואס ער האט געלערנט האט ער איבערגעגעבן פאר יוסף, און דער יוסף געפונט זיך יעצט אין א ארץ מצרים, און ער איז דארט א מושל, דאס וועט ברענגען אז יעקב אבינו זאל ווערן אויפגעלעבט?

**עס** שטייט אין **חתם סופר** (בתורת משה בפרשתנו ר.) אז דער פשט דערפון איז. א מענטש וויל זיין ערליך, אבער בדרך כלל איז דער סדר, אז די גאס איז משפיע אויף א מענטש. ווען מען גייט ארויס אויף די גאס, ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם (תהלים קו-לה), מען דרייט זיך צווישן גוים, מען לערנט זיך אראפ פון די מעשים פון די גוים, און מען האט נישט דעם כח אז מען זאל קענען זיין דער אמת'דיגער מושל ברוחו, איזהו גבור הכובש את יצרו (אבות ד-א).

**יוסף** הצדיק, אין אלע שווערע זמנים וואס ער האט געהאט, האט ער זיך קיינמאל נישט פארלוירן, אייביג איז ער געווען דבוק אינעם אייבערשטען. יוסף איז אדורכגעגאנגען דעם נסיון העוני, און דעם נסיון העושר, און ער איז געבליבן דער זעלבער יוסף הצדיק, מתחלתו ועד סופו. ער איז געווען א יונגער בחור, זיבעצן יאר אלט, ווען ער איז אראפ קיין מצרים, און מען האט אים פארקויפט צווישן גוים, אויף א פלאץ ווי בדרך הטבע וואלט ער קיינמאל נישט געקענט פון דארט ארויסגיין, אזוי זאגט רש"י (שמות יח-ט), אז א עבד וואס מען האט אים פארקויפט קיין מצרים, האט נישט געקענט פון דארט אנטלויפן. עס איז געווען כמעט אפגעזיגעלט זיין לעבן צו וואוינען כל ימיו אין מצרים. ער איז געזעסן אין תפיסה אזויפיל יארן, און ער איז געבליבן ערליך. עס האט אים נישט געשטערט פון זיין עבודת ה', און ער האט געלעבט בקדושה ובטהרה אלע יארן.

**שפעטער** ווען ער האט מצליח געווען, און ער איז געווארן א מושל אין מצרים, א משנה למלך, כמעט אזוי ווי פרעה, אויסער אפאר קלייניגקייטן וואס פרעה האט אים נישט איבערגעגעבן, און ער איז געווען יארן לאנג דארט, שבע שנות השבע, און די שני הרעב, האט ער זיך געפירט ערליך בקדושה. ער האט געהאט דעם כח צו ווייזן, אז אפילו מען געפונט זיך אין מצרים, קען מען זיך האלטן ערליך, און מען קען דארט אויך זיך פירן ערליך. און ער האט דארט מחנך געווען זיינע קינדער, מנשה מיט אפרים, וואס האבן זיך געפירט מיט די זעלבע צדקות און קדושה ווי ראובן און שמעון, און זיי זענען שפעטער נכלל געווארן אין די

שבטי י-ה, אפרים ומנשה כראובן ושמעון יהיו לי (בראשית מח-ה). יוסף איז געווען דער וועגווייזער אז מען קען זיין אין מצרים, און מען קען זיך פירן ערליך. יוסף האט געלערנט אז א מענטש קען זיין א מושל אויף זיך, אפילו אין מצרים. נישט אז מצרים איז מושל אויפן מענטש, נאר דער מענטש איז דער מושל אויף מצרים.

**וועו** מען פארציילט פאר יעקב, אז עוד יוסף חי, יוסף לעבט. וואו לעבט ער, אין מצרים ערות הארץ, דאס האט אים נאכנישט געברענגט אז עס זאל זיין ותחי רוח יעקב. ווען מען האט אים אבער געזאגט, וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים, נישט ארץ מצרים איז מושל אויף אים, נאר ער איז דער מושל אויף ארץ מצרים. אויב ער איז דער מושל אויף ארץ מצרים, איז ותחי רוח יעקב, האט יעקב אויפגעלעבט.

**דער** אייבערשטער האט שפעטער געזאגט פאר יעקב, אל תירא מרדה מצרימה, האב נישט מורא אראפצוגיין קיין מצרים, כי לגוי גדול אשימך שם, דו וועסט ווערן דארט א גוי גדול, ויוסף ישית ידו על עיניך, יוסף וועט לייגען זיינע הענט אויף דיינע אויגן (מו-ג). יעקב אבינו האט פארשטאנען אז מען גייט אין גלות מצרים, עס הייבט זיך יעצט אן די ארבע מאות שנה וואס מען דארף זיין בארץ לא להם. וואס וועט זיין פון אים, און פון זיינע קינדער און אייניקלעך וואס וועלן אויפוואקסען אין מצרים, ווי אזוי וועט מען זיך קענען האלטן ערליך. האט אים דער אייבערשטער געזאגט, יודען וועלן בלייבען ערליך אפילו אין מצרים אויך. א ראיה האסטו פון יוסף. ווען דו וועסט וועלן קוקען וואס עס וועט זיין שפעטער פון דיינע דורות, ווען דו וועסט אנקוקען יוסף, וועסטו זעהן אז מען קען זיין אין מצרים, און מען קען זיך פירן ערליך. ויוסף ישית ידו על עיניך, יוסף וועט ארויפלייגען זיינע הענט אויף דיינע אויגן, ווען דו וועסט וועלן קוקען וואס עס וועט אויסוואקסען פון די דורות העתידין, וועסטו זיך קענען אראפלערנען פון יוסף, אז מען קען זיך האלטן בקדושה אויך אין מצרים.

## במסיבת מלוה מלכה לטובת המוסדות בוויליאמסבורג

מוצאי שבת פרשת ויגש תשע"ג לפ"ק

**עס** איז פאר מיר א כבוד צו באגריסן די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען היינט נאכט, פאר די החזקה פון די מוסדות דא אין וויליאמסבורג. דער באשעפער זאל העלפן פאר יעדן איינעם, אין זכות וואס מען טוט צדקה וחסד, מען העלפט ארויס אז קינדער זאלן קענען נתחנך ווערן לתורה ולעבודת ה', זאל דער אייבערשטער באצאלן פאר יעדן איינעם אין שטוב אליין, אז מען זאל זעהן אסאך נחת דקדושה ביי אלע קינדער.

**די** תורה הק' זאגט די וואך, ווען יעקב האט געדארפט אראפגיין קיין מצרים, צוזאמען מיט די שבעים נפש. ווי אזוי גייט יעקב מיט זיינע קינדער אראפ קיין מצרים, און מען זאל זיך קענען האלטן דארט ערליך, ווי דער אמת איז געווען, אז יודען זענען געווען אין מצרים אזויפיל יארן, און מען איז ארויסגעקומען א הייליג פאלק. בצאת ישראל ממצרים, בית יעקב מעם לועז, היתה יהודה לקדשו (תהלים קיד-א), האט יעקב געשיקט קודם יהודה, ואת יהודה שלח לפניו אל יוסף, להורות לפניו גושנה (בראשית מו-כח), און ווי רש"י זאגט, לתקן לו בית תלמוד, מען מוז מתקן זיין קודם א בית תלמוד. אויב מען האט נישט קיין פלאץ פאר חינוך פון קינדער, קען מען זיך נישט האלטן אין מצרים. דאס איז דער איינציגסטער כח וואס גיט פאר יודען, אז מען זאל זיך קענען האלטן אין גלות, אז מען טוט מחנך זיין קינדער פון די יונגע יארן אן, די ערשטערע יארן איז מען מקדיש פארן אייבערשטען, און מען לייגט אריין תורה און עבודת ה', דאס באגלייט נאכדעם דאס לעבן שפעטער. האט ער געשיקט יהודה, לתקן לו בית תלמוד.

**איך** האב געזען צובערענגען פון א ספר **לבוש מרדכי** (מהגה"צ רבי משה מרדכי עפשטיין זצ"ל), וואס ער שטעלט זיך, פארוואס האט יעקב געדארפט קודם שיקן יהודה, אז ער זאל מתקן זיין א בית תלמוד פאר מען גייט אראפ קיין מצרים. יוסף האט דאך צוגעשטעלט אלעס וואס מען דארף, האט מען דאך געקענט אראפגיין קודם קיין מצרים, און יוסף אלץ מלך, וואלט תיכף צוגעשטעלט אז עס זאל זיין א בית תלמוד מען זאל קענען לערנען. וואס האט יהודה געדארפט צוגרייטן דעם בית תלמוד, פאר מען איז אראפגעקומען קיין מצרים.

**זאגט** ער אזוי, מען ווייסט אז א עיר וואס איז מוקף חומה, האט געוויסע הלכות אנדערש פון א שטאט וואס איז נישט מוקף חומה. אין פרשת בחוקותי שטייט אז ווען מען פארקויפט א הויז איז א נפקא מינה צו עס איז געווען א בית אין א עיר מוקף חומה, צו עס איז געווען אין א שטאט וואס האט נישט קיין חומה. ביי מקרא מגילה איז אויך דא א חילוק צווישן מוקפים חומה. ביי א עיר וואס איז מוקף חומה איז די הלכה, אז עס הייסט נאר דעמאלטס א שטאט וואס איז מוקף חומה, נאר אויב עס איז געווען הוקף ולבסוף ישב. קודם דארף מען בויען די חומה, און נאכדעם וואס מען בויט דעם חומה, בויט מען די הייזער אינווייניג, דעמאלטס ווערט אנגערופן די שטאט, אז עס איז מוקף חומה. אבער טאמער מען האט זיך קודם באזעצט אין די שטאט, און נאכדעם טוט מען ארומנעמען די שטאט מיט א חומה, האט עס נישט דעם דין פון א מוקף חומה (מגילה ג:). און עס איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין, למאי נפקא מינה וואס מען האט געמאכט קודם. סוף כל סוף ער וואוינט אין א שטאט וואס איז מוקף חומה. וואס איז דער חילוק צו דער חומה האט מען געמאכט פאר דעם, צו די חומה האט מען געמאכט נאכדעם.

**זאגט** ער, אז דער ביאור דערפון איז, אויב מען מאכט א שטאט אנדעם וואס עס האט א חומה, איז דער טייטש אז דער ישוב קען זיך האלטן אפילו אן א חומה אויך, ווייל מען האט זיך דאך באזעצט אויף דעם פלאץ אן א חומה. נאר פאר תוספות שמירה, עס זאל זיין נאכמער געהיטן, באגענוגנט מען זיך נישט מיט דעם וואס מען וואוינט אויף דעם פלאץ, נאר מען מאכט זיך מער זיכערער, מען טוט זיך ארומנעמען מיט א חומה, אבער דער ישוב קען זיך האלטן אן א חומה אויך. א שטאט וואס מען גייט נישט בויען ביז עס האט נישט א חומה, דאס ווייזט אז מען קען זיך נישט באזעצן אין דעם מקום, ביז דער חומה איז נישט דא. די איינציגסטע שוץ וואס מען האט, איז די חומה. און דאס גיט די חשיבות פאר די שטאט אז עס איז מוקף חומה, ווייל דאס ווייזט אז די שטאט פארלאזט זיך נאר אויף די חומה אליין. עס האט נישט געקענט זיין א ישוב דא, בעפאר מען האט נישט די חומה.

**תורה** הק' דאס איז אונזער חומה, אזוי שטייט אין די גמרא (פסחים פז.), אז דער פסוק אני חומה (שיר ח-י) גייט ארויף אויף די תורה הק'. די תורה דאס איז אונזער חומה, עס איז מגנא ומצלא. דאס וואס מיר קענען זיך אויפהאלטן אינעם גלות, דאס וואס מיר קענען זיך האלטן ערליך אויף די וועלט, איז נאר דורך די כח התורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל.). אז מען מאכט א חומה קודם, קודם שטעלט מען אויף א בית תלמוד, און נאכדעם באזעצט מען זיך, דאס איז א שטאט וואס איז מוקף חומה, דאס ווייזט אז עס איז נישט דא קיין ישוב דא, אנדעם וואס עס איז נישט דא די חומה. אבער אז מען קומט און מען באזעצט זיך קודם, און נאכדעם זוכט מען צו מאכן די חומה, אויפצושטעלן א מקום תורה ארום און ארום, דאס ווייזט אז דו האסט זיך געקענט באזעצן אפילו אן די חומה אויך, דו מאכסט נאר די חומה שפעטער. ואת יהודה שלח לפניו להורות לפניו גושנה, ווען מען גייט אראפ קיין מצרים, און מען דארף אויפשטעלן א בית תלמוד אין מצרים, האט יעקב אבינו געזאגט, מען קען נישט אריינטרעטן אין מצרים, ביז די חומה איז נישט דא. עס מוז קודם זיין די חומה ארום, עס מוז זיין א בית תלמוד, אז אין די רגע וואס מען קומט אריין, זאל מען האבן דארט דעם בית תלמוד. אויב מיר וועלן קודם אראפגיין וואוינען קיין מצרים, און מען האט נאכנישט א בית תלמוד,

איז דער טייטש, אז דער בית תלמוד איז נאר א טפל וואס קומט צו שפעטער, אזוי קען זיך נישט האלטן יודישקייט. יודישקייט קען זיך נאר האלטן, ווען א יוד ווייסט, אז אן די תורה הק' קען מען זיך נישט האלטן, דאס איז א עיר וואס איז מוקף חומה.

**יודען** וואס פארשטייען, אז ווען נישט די תלמוד תורה'ס, און די מיידל סקול'ס היינט, און די ישיבות, און די כוללים, וואס מען זיצט און מען לערנט תורה, דאס איז אונזער חומה, אן דעם קענען מיר נישט עקזיסטירן. מיר קענען נישט זיין א כלל ישראל, ווילאנג מען האט נישט אויפגעשטעלט דעם חומה פאר דעם, דאס איז דער כח וואס האלט אונז שפעטער. און דאס איז וואס יודען טוען זיך משתדל זיין, אויסצוהאלטן די חומה. מיר דארפן האבן שמירה אין דעם גלות, גשמיות'דיגע שמירה, און רוחניות'דיגע שמירה, און דאס איז נאר מיט דעם חומה וואס מיר שטעלן אויף. די בתי כנסיות און בתי מדרשות, ישיבות און תלמוד תורה'ס, דאס איז דער מקום תורה וואס נעמט ארום די שטאט, און דאס היט אויף די שטאט.

*

**אין** מדרש (תנחומא ויגש ו) איז צוגעברענגט אויף דעם פסוק פון ואת יהודה שלח לפניו, א דין וואס האט א שייכות צו מוצאי שבת. מוצאי שבת מאכט מען א ברכה בורא מאורי האש, און דער מדרש שטעלט זיך, מאימתי מברכין בורא מאורי האש, ווען איז ראוי אז מען קען מאכן מוצאי שבת די ברכה פון בורא מאורי האש אויף פייער. זאגט דער מדרש, משיאותו לאורו, ווען מען איז אזוי נאנט צום פייער, אז מען קען נהנה זיין פונעם פייער, דעמאלטס קען מען מאכן א בורא מאורי האש. ווען מען שטייט ווייט פונעם פייער, אפילו מען זעהט די פייער, קען מען נישט מאכן די ברכה. וואס פאר א שייכות האט דער מדרש, מיט דעם וואס מען האט פריער צוגעברענגט דעם פסוק, אז יעקב האט קודם געשיקט יהודה קיין מצרים, און אויף דעם ברענגט ער צו דעם דין, אז מוצאי שבת מאכט מען א ברכה בורא מאורי האש, ווען מען איז נהנה פונעם אור.

**עס** קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז, וואס איז נוגע לענינינו. יעדן מוצאי שבת מאכט מען די ברכה בורא מאורי האש, וואס איז דער טעם אז מען מאכט די ברכה מוצאי שבת. שטייט אין די גמרא (פסחים נד., ב"ר יא-יב), אז ווען דער אייבערשטער האט באשאפן אדם הראשון פרייטאג בייטאג, איז געווען לעכטיג. און דער ערשטער שבת אויף די וועלט, איז אויך געווען לעכטיג. מוצאי שבת איז געווארן חושך, עס איז געווארן פינסטער. זעקס און דרייסיג שעה האט משמש געווען דער אור וואס אדם הראשון איז באשאפן געווארן. פרייטיג בייטאג, פרייטיג צו נאכטס, און שבת בייטאג, מוצאי שבת איז געווארן חושך. און אדם הראשון האט זיך זייער דערשראקן, מען זיצט אין א וועלט וואס איז פינסטער. און דער אייבערשטער האט אים אריינגעגעבן שכל, מעין דוגמא של מעלה, עס איז געווען א העכערע שכל, און ער האט גענומען צוויי שטיינער, און ער האט געריבן די צוויי שטיינער, און עס איז ארויסגעקומען דערפון פייער, און פון די פייער האט ער ליכטיג געמאכט, און ער האט געקענט נהנה זיין. וועגן דעם מאכן מיר א ברכה יעדע מוצאי שבת, בורא מאורי האש, ווייל מוצאי שבת איז געבוירן געווארן דער פייער.

**דער** אייבערשטער האט באשאפן א מענטש, א גשמיות'דיגע מענטש, א חומר, א גוף, ויפח באפיו נשמת חיים (בראשית ב-ז), דער באשעפער האט אריינגעבלאזן אין יעדן יוד א נשמה וואס איז א חלק אלו-ה ממעל. אבער יעדער יוד האט אין זיך א פלאם פייער אינעווייניג, נר ה' נשמת אדם (משלי כ-כז), די נשמה איז א פייער וואס ברענט אינעם מענטש, און עס וויל נאנט קומען צום אייבערשטען, אבער ער איז ארומגענומען מיט א חומר, ער איז ארומגענומען מיט א גוף, וואס שטערט אים אז ער זאל קענען לייכטן. אבער עס ליגט א אור אינעם מענטש.

**דער** באשעפער האט אויסגעשטעלט די וועלט, אז עס איז דא א יששכר מיט א זבולן. יששכר האט די זכיה אז ער קען זיצן באהלה של תורה. פון ווען ער שטייט אויף, ביז דער טאג גייט

אדורך, זיצט ער אין בית המדרש, און ער לערנט און ער דאווענט, און ער דינט דעם אייבערשטען. ער גיט ארויס זיין פייער וואס ער האט אין זיך פארן באשעפער. אבער דאס איז נאר א קליינער חלק פון די וועלט, וואס דער אייבערשטער האט אזוי אויסגעשטעלט. רוב פון די וועלט האט דער אייבערשטער געוואלט, לא לתוהו בראה לשבת יצרה, דער באשעפער האט געוואלט אז א יוד זאל עוסק זיין אין עניני גשמיים, און דאס זאל זיין זיין חלק, אזוי זאל ער דינען דעם אייבערשטען. אבער אפילו די יודען וואס זענען אינדרויסן אויף די גאס, האבן אויך אין זיך א פייער, זיי ווילן אויך לייכטען, זיי ווילן אויך ברענען. אבער עס איז א שטיין, עס איז קאלט, מען האט נישט די מעגליכקייט אז ער זאל קענען עפעס טון. ער דארף עוסק זיין פון צופרי ביז ביינאכט אין עניני גשמיים, און ער קען נישט ארויסגעבן זיין פלאם פארן אייבערשטען.

**אבער** דער אייבערשטער האט געמאכט א שידוך צווישן דעם יששכר און דעם זבולן, אז יעדער יוד קען האבן א חלק אין תורה. דורך דעם וואס ער טוט צוהעלפן אז תורה זאל בליען, ער טוט צוהעלפן אז מען זאל לערנען תורה, ער העלפט פאר די לומדי תורה, ער העלפט פאר מוסדות התורה, האט ער א חלק אין זייער תורה. און אפילו אויף דעם וואס די גמרא (קידושין ל.) זאגט, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, אז די תורה איז א תבלין אקעגן דעם יצר הרע, ווען א יוד שטיצט תורה מיט זיין געלט, אז אין די צייט וואס ער איז אויף די גאס, זיצן קינדער און לערנען תורה, ווייל ער העלפט זיי צו, אז זיי זאלן לערנען תורה, האט ער אויך דעם כח פון תורה וואס איז אים מציל פונעם יצר הרע.

**דער** אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, אז ער איז אין די בחינה פון א אבן, וואס אינעווייניג ליגט א פייער, אבער ער קען נישט ארויסגעבן די פייער. אבער ווען עס קומען זיך צוזאם צווי אבנים, דער יששכר מיט דעם זבולן, און זיי טוען זיך אנרייבען איינער מיטן אנדערן, קומט ארויס א פלאם פייער. דער יששכר איז די בחינה פון א אבן, די מדרש (תנחומא עקב י) דרש'נט, לוחות אבנים (שמות לד-א), דאס גייט ארויף אויף א תלמיד חכם. דער תלמיד חכם וויל לערנען תורה, ער וויל ארויסגעבן די פייער וואס ער האט אין זיך, ער קען אבער נישט אליין, ער מוז האבן א מלמד וואס זאל אים העלפן לערנען, ווען ער ווערט גרעסער דארף ער האבן א מגיד שיעור וואס זאל מיט אים לערנען, און שפעטער ווען ער ווערט א יונגערמאן דארף ער האבן פרנסה אין שטוב, וואס מען זאל אים צוהעלפן אז ער זאל קענען לערנען. ער קען נישט עקזיסטירן אליין אן דעם וואס מען העלפט אים ארויסצוגעבן זיין פלאם וואס ער האט אין זיך.

**די** זעלבע איז דער זבולן, ער איז דאך עוסק א גאנצע וואך אין עניני גשמיים, ער האט אויך א פייער אין זיך, ער קען אבער נישט ארויסגעבן דעם פייער. אבער ווען מען נעמט די צוויי שטיינער, דעם יששכר מיט דעם זבולן, און מען רייבט זיי אן איינס אינעם אנדערן, דעמאלטס קומט ארויס א פייער פון יעדן איינעם. דורכדעם וואס דער זבולן טוט צוהעלפן אז דער יששכר זאל קענען זיצן און לערנען, ער העלפט צו אז קינדער זאלן קענען אויסוואקסען תלמידי חכמים און יראי ה', האט ער א חלק אין זייער תורה, און יעדער פארדינט דערפון.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (בדרשות חתם סופר קצז. בהערה) זאגט, אז עס שטייט אין מדרש (ב"ר עז-א), אז די מדה פונעם אייבערשטען איז נישט אזוי ווי די מדה פון א בשר ודם. די מדה פון א בשר ודם איז, אז ווען ער וויל נעמען א זאך וואס איז ביטער, און ער וויל עס זיס מאכן, נעמט ער א זיסע זאך, און מיט א מתוק טוט ער ממתיק זיין די מר. ער האט א ביטערע טיי, א ביטערע קאווע, לייגט ער אריין דערין צוקער, און מיט דעם מאכט ער עס זיס. אבער הקב"ה טוט ממתיק זיין מר במר, דער באשעפער האט געהייסען אין מרה, ווען עס איז געווען ביטער די וואסער, אז מען זאל אריינלייגען אינווייניג א ביטערן האלץ, וימתקו המים (שמות טו-כג), און עס איז זיס געווארן.

**זאגט** דער הייליגער **חתם סופר**, אין יעדע זאך ליגט דאך עפעס א רמז דעריין. זאגט ער, מים דאס איז דאך תורה (ב"ק יז.), און עס איז מר במר. פאר דעם תלמיד חכם איז ביטער, ער וויל זיצן און לערנען תורה, און ער דארף זיך פלאגן, ער האט נישט ווער עס זאל אים אויסהאלטן. ער האט רוחניות, אבער עס פעלט אים זיין גשמיות. דער בעל הבית איז אים אויך ביטער, ער האט גשמיות, אבער עס פעלט אים אין זיין רוחניות. האט דער אייבערשטער געמאכט א שילוב, מען קען ממתיק זיין מר במר. ווען די צוויי ביטערע קומען זיך צוזאמען, דער תלמיד חכם וואס איז אים ביטער אין גשמיות, און דער בעל הבית וואס איז אים ביטער אין רוחניות, ווען די צוויי קומען זיך צוזאם, ווערט פארביידע זיס. מיט דעם וואס דער זבולון טוט ארויסהעלפן פאר דעם יששכר, ווערט פאר דעם יששכר זיס, ער קען זיצן און לערנען מיט הרחבת הדעת. און דער בעל הבית, דער זבולון, באקומט אויך א חלק פון די תורה, און ביידע קענען לייכטן.

**אדם** הראשון איז געבוירן געווארן ערב שבת, שבת איז דאך יעדער יוד דערהויבן, שבת האט ער געהאט א לעכטיגען שבת, אבער ווען עס האט זיך אנגעהויבן נאכדעם אז מען גייט אריין אין די וואכעדיגע טעג, האט אדם הראשון געזען פאר זיך א פינסטערניש. עס הייבט זיך אן די ששת ימי המעשה, טעג פון ארבעט, ווי אזוי וועלן מיר קענען לייכטן. האט דער אייבערשטער אריינגעגעבן א דעה אין אדם הראשון, און ער האט אים געזאגט, נעם די צוויי שטיינער, נעם דעם יששכר מיט דעם זבולון, וואס ביידע זענען שטיינער, ביידע אליין האבן אין זיך א אור, און זיי קענען עס נישט ארויסגעבן. רייב אריין איינס אינעם אנדערן, דעמאלטס וועט פאר ביידע לייכטן.

**און** א זכר דערויף, מאכן מיר די ברכה בורא מאורי האש יעדן מוצאי שבת. שבת איז א יומא דנשמתין, א טאג פון די נשמה, יעדער יוד איז דערהויבן, א טאג וואס מען דינט דעם אייבערשטען אפגעזונדערט פון עניני עולם הזה. ווען דער שבת גייט אדורך, און מען קוקט זיך אן, מען דארף אריינגיין אינעם מוצאי שבת, מען דארף אריינגיין אין די וואכעדיגע טעג, ווי מען וועט דארפן עוסק זיין אין עניני גשמיים אין די וואכעדיגע טעג, מאכן מיר די ברכה בורא מאורי האש, זיך צו דערמאנען אז אדם הראשון ווען עס איז געקומען מוצאי שבת, האט אים דער אייבערשטער חונן געווען, אז מען קען נעמען די צוויי אבנים, און מען קען עס ממתיק זיין איינס מיטן אנדערן. מען וועט אנרייבן די צוויי שטיינער צוזאמען, וועלן ביידע לייכטן. דאס גיט דעם כח און די חיות אז מען זאל קענען שפעטער איבער די וואך דינען דעם אייבערשטען.

**און** דער מדרש שטעלט עס צו, צו ואת יהודה שלח לפניו, יעקב אבינו האט געשיקט יהודה אויף מצרים, אז ער זאל אים אויפשטעלן א בית תלמוד. ער האט געוואוסט אז יהודה איז דער כח וואס קען אויפשטעלן א בית תלמוד, ער האט געוואוסט אז ער האט דארט א קינד יוסף וואס יוסף איז דער זבולון, און ער וועט קענען אויסהאלטן דעם בית תלמוד, האט ער געוואוסט אז אין מצרים וועט מען קענען אויסהאלטן תורה. עס וועט זיין א זבולון, עס וועט זיין דער יוסף, ויוסף הוא המשביר (מב-ו), עס וועט זיין יהודה וואס ער וועט זיין דער ראש ישיבה, ער וועט אויפשטעלן דעם בית תלמוד, און ער וועט לערנען תורה מיט יודישע קינדער, און צוזאמען וועט מען קענען אויפשטעלן יודישקייט אין מצרים אויך. איז דער מדרש מסמיך די הלכה, אז מוצאי שבת מאכט מען די ברכה בורא מאורי האש, אבער עס מוז זיין שיאותו לאורו, **מען איז נישט יוצא מיט א פאר פרוטות וואס מען גיט, נאר מען זאל קענען נהנה זיין פון די ליכטיגקייט**. יעדער יוד האט אין זיך א ליכטיגקייט, און יעדער קען לייכטן, ער קען ארויסנעמען זיין אש וואס ליגט אין אים, דורך דעם וואס ער איז זיך מצרף צו תורה.

**יודען** קומען זיך צוזאם, און מען וויל העלפן פאר מוסדות התורה, איז א געוואלדיגער זכות. אין אזא דור וואס מיר לעבן היינט, וואס די וועלט איז ליידער אזוי געפאלען, אין לנו שיור

רק התורה הזאת. די חינוך פון קינדער איז אויסערגעוועינליך שווער געווארן, מען רעדט נישט פון ווי אזוי דער חינוך איז געווען אינדערהיים, מען רעדט נאר פון וואס עס האט זיך דא אליין געטוישט, פון ווען מיר זענען געווען קינדער, ביז ווי אזוי עס קוקט היינט אויס דער חינוך. די פראבלעמען וואס איז דא אין חינוך פון קינדער, אז מען זאל קענען אין אזא טריפה'נע וועלט מחנך זיין ערליכע יודישע דורות, דארף מען אסאך אסאך אריינגעבן אין קינדער. מען דארף זיך היינט מער אפגעבן מיט קינדער, פון ווי אזוי מען האט זיך אפגעגעבן אמאליגע צייטן. א תלמוד תורה טוט טאקע לערנען מיט די קינדער, די רבי'ס לייגן אריין אויסערגעוועינליכע כוחות, על כל פנים ביי אונז אין די מוסדות, וואס איך קען עס פון דער נאנט, קען איך זאגן, אז די מלמדים, און אלע וואס טוען מיט די קינדער, שטרענגען זיך אן, אריינצולייגן וואס מען קען אלץ ארויפברענגען די קינדער צו שטייגן אין תורה.

**אבער** דאס איז נאר א קליינער פראצענט פון חינוך. **דער אהבת תורה און יראת ה', די ליבשאפט צו תורה, דאס דארפן טאטע און מאמע אריינגעבן אינעם קינד. א רבי קען אריינגעבן די תורה, אבער די ליבשאפט צו תורה, דאס ווענט זיך ווי אזוי עלטערן באנעמען זיך מיט קינדער, ווי אזוי עלטערן פירן זיך אליין אויף, ווי אזוי קינדער זעהן די ליבשאפט פונעם טאטן צו תורה, דאס ברענגט אריין די אהבת התורה. ווען א קינד קומט אהיים, און ער ווייסט אז דער טאטע וועט הנאה האבן אז ער האט געקענט ביים פארהער, און ער האט געקענט די וואך וואס ער האט געלערנט, און ער זעהט אז דאס איז דער חשק פונעם טאטן, און דאס איז די שאיפה פון די מאמע, דעמאלטס שטייגט ער, און ער פרובירט די אנדערע וואך זיך מער צוצושטעלן. אהבת תורה, ליבשאפט צו תורה, ליגט א פליכט אויף די עלטערן אז זיי זאלן עס אריינלייגן אין די קינדער.**

**אין** דעם זכות וואס מען העלפט ארויס פאר תורה, און מען זוכט מחנך צו זיין, רחמנא לבא בעי, דער אייבערשטער דארף די הארץ פון א יוד, ווען א יוד וויל באמת מחנך זיין ערליכע יודישע קינדער, העלפט אים דער אייבערשטער, אז ער זאל עס קענען מוצא זיין מן הכח אל הפועל. מען שטייט שוין אין עשרה בטבת, א טאג וואס סמך מלך בבל, עס האט זיך אנגעהויבן דער חורבן אין דעם טאג, וואס אין דעם טאג האט מען ארומגענומען ירושלים, און עס האט צוגעברענגט שפעטער צו דעם חורבן פונעם בית המקדש, עס שטייט אין די גמרא (שבת קיט:) לא חרבה ירושלים עד שביטלו בה תינוקות של בית רבן. ווילאנג מען האט געלערנט תורה מיט יודישע קינדער, האט נישט געקענט צוקומען צו די חורבן פונעם בית המקדש. עס האט קודם געדארפט בטל ווערן די תינוקות של בית רבן, און נאר נאכדעם האט געקענט צוקומען צום חורבן. זעהט מען דאך אז דאס וואס מען טוט פאר תינוקות של בית רבן, דאס איז דער חלק וואס טוט צוהעלפן צום בנין פונעם בית המקדש. מען קומט זיך צוזאם אין אזא נאכט ארויסצוהעלפן פאר תורה, איז עס א געוואלדיגע זכות. זאל דער אייבערשטער געבן, ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה, מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, און זעהן בבנין בית המקדש, במהרה בימינו אמן.

## דברי תורה שנאמרו בסעודה שלישית פרשת ויגש תשע"ג לפ"ק
## ונשנו בהשיעור השבועי בבית מדרשנו בבארא פארק

יום א' פרשת ויחי תשע"ג לפ"ק

**עס** איז היינט געווען עשרה בטבת, מען האט געפאסט אויפן חורבן פונעם בית המקדש. אין די גמרא (יומא ט:) שטייט, אז דער חורבן פונעם בית שני איז געווען, צוליב שנאת חנם וואס איז געווען ביי יודן. דער בית ראשון איז חרוב געווארן, ווייל עס איז געווען עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכת דמים. אבער ביים בית שני, זאגט די גמרא, האט מען עוסק געווען בתורה

ובמצות ובגמילות חסדים, די בילד איז געווען זייער שיין, מען האט געלערנט און מען האט געטון מצות, מען האט עוסק געווען אין חסד, אבער עס איז געווען שנאת חנם צווישן איינעם און דעם אנדערן, און דאס האט צוגעברענגט דעם חורבן פונעם בית המקדש. ללמדך, ששקולה שנאת חנם פארן אייבערשטען, אזוי ווי עבודה זרה, און גילוי עריות, און שפיכות דמים. בית ראשון איז חרוב געווארן וועגן די דריי עבירות, און מען זעהט אז פאר שנאת חנם איז געקומען דער זעלבער עונש ווי ביים בית ראשון, איז א ראיה אז עס איז פארן אייבערשטען אזוי הארב, אזוי ווי די הארבסטע עבירות. און עס איז א גרויסע פלא צו פארשטיין, ווי אזוי קען טאקע זיין, אז שנאת חנם זאל זיין אזוי הארב ווי עבודה זרה גילוי עריות און שפיכות דמים. שנאה איז נאר א לאו אין די תורה, לא תשנא את אחיך בלבבך (ויקרא יט-יז), און ער איז מבטל א מצות עשה פון ואהבת לרעך כמוך (שם יט-יח), אבער עס איז נישט קיין חייבי מיתות, און עס איז נישט קיין כריתות און מיתות בית דין. ווי אזוי קען עס זיין, אז עס זאל זיין אזוי הארב, ווי עבודה זרה און גילוי עריות.

**אין דרשות הר"ן** (דרוש י') שטייט, אז באמת איז עס טאקע נישט אזוי הארב, אבער דער עונש וואס דער אייבערשטער גיט דערויף, איז אזוי הארב ווי אויף עבודה זרה. ווייל עבודה זרה. גילוי עריות. און שפיכות דמים, אפילו א מענטש ווערט נכשל דערין, ווערט ער נכשל איין מאל אין א געוויסע צייט, אבער עס איז נישט א עבירה וואס האלט אן ביי אים שטענדיג. ער בוקט זיך נישט יעדע רגע צו די עבודה זרה, ער איז נישט עובר אויף גילוי עריות יעדע מינוט, און ער הרג'ט נישט קיין מענטשן יעדע מינוט. אבער שנאת חנם איז א עבירה וואס א מענטש איז עובר יעדע רגע. יעדע רגע וואס ער האט יענעם פיינט, איז ער עובר אויף א לאו פון לא תשנא. און פאר יעדען מענטש עקסטער וואס ער האט פיינט, חזר'ט זיך נאכאמאל איבער דער לא תשנא. ווען ער האט פיינט הונדערט מענטשן, איז ער יעדע מינוט עובר אויף הונדערט לאוין. און אז ער האט פיינט א גאנצע ציבור פון מענטשן, האט ער אויף יעדן איינעם וואס איז אין דעם ציבור, עובר געווען אויף די לאו פון שנאה. איז דער עונש וואס קומט אויף טויזנט קליינע עבירות, אזוי ווי א עונש וואס קומט אויף איין גרויסע עבירה. וועגן דעם איז שקולה שנאת חנם, אז עס איז געקומען אזא עונש אזוי ווי אויף עבודה זרה, גילוי עריות, און שפיכות דמים, ווייל די עבירה האט מען עובר געווען אזויפיל מאל, ביז עס האט צוגעברענגט צו דעם חורבן פון בית המקדש.

**אין שערי תשובה** (ג-לג) שטייט א צווייטער טעם, ווייל שנאת חנם שלעפט מיט זיך מיט, אסאך עבירות. עס ברענגט צו לשון הרע, נקימה, נטירה. עס איז נישט א עבירה וואס איז איין עבירה פאר זיך, נאר עס האט אין זיך א שורש פון כמה עבירות, וואס ווערט מיטגעשלעפט צוזאמען מיטן שנאת חנם, און וועגן דעם איז עס שקולה אזוי ווי די הארבסטע עבירות.

*

**מען** רופט עס אן שנאת 'חנם', א אומזיסטיגע שנאה. ווער האט פיינט יענעם אומזיסט? האסט שוין געזען א מענטש וואס דערמאנט זיך, היינט גיי איך פיינט האבן ראובן? ער האט זיך מיישב געווען, אז היינט גייט ער פיינט האבן שמעון? קיינער האט נישט פיינט יענעם אומזיסט. די וועלט זאגט, 'אז עס איז נישטא קיין שנאת חנם, אדער איז עס וועגן געלט, אדער איז עס וועגן כבוד'. אומזיסט האט מען קיינעם נישט פיינט, ער האט יענעם פיינט, ווייל יענער האט אים עפעס געטון אין די ביזנעס, ער האט אים שאדן געמאכט אין די געשעפטן. ער האט יענעם פיינט, ווייל ער האט אים נישט געהעריג מכבד געווען, ער האט אים אמאל מבזה געווען, ער האט פוגע געווען בכבודו. פארוואס רופט ער עס אן שנאת 'חנם'? עס איז נישט אומזיסט, עס איז א שנאה ווייל יענער האט מיר עפעס געטון, און איך באצאל אים שוין צוריק מיט די שנאה.

**אין** רש"י (שבת לב. ד"ה שנאת) שטייט, אז וועגן דעם הייסט עס שנאת חנם, ווייל עס איז דא

שנאה וואס די תורה האט מתיר געווען. א ערליכען יוד האט די תורה גע'אסר'ט אז מען טאר אים נישט פיינט האבן, אבער א רשע, ווען מען זעהט איינער איז עובר א עבירה, האט די תורה מתיר געווען אז מען מעג אים פיינט האבן (פסחים קיג:). יעדע שנאה וואס איז נישט בארעכטיגט על פי תורה אים פיינט צו האבן, רופט מען עס אן, אז דאס איז שנאת חנם. עס איז דא א שנאה של מצוה, וואס די תורה האט געהייסען אז מען מעג יענעם פיינט האבן, און פאר דעם קומט נישט קיין חורבן בית המקדש. חורבן בית המקדש קומט פאר שנאת 'חנם', פאר א שנאה וואס איז אומזיסט, די תורה האט נישט מתיר געווען אז מען מעג יענעם פיינט האבן.

**עס** קען זיין נאך א ענין, פארוואס עס ווערט אנגערופן שנאת חנם. ווען א יוד גלייבט באמת אז אלעס איז מיט א השגחה פרטיות, אלעס קומט פונעם אייבערשטען, עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט וואס פאסירט פון זיך אליין, אין אדם נוקף אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה (חולין ז:). אפלו א קלאפ אויף א פינגער באקומט מען נישט, נאר אויב מען האט אויסגערופן אויבן. יעדע שאדן וואס א מענטש האט, וואס איינער מאכט פאר א צווייטען א שאדן, קען מען נישט גורם זיין פאר יענעם א שאדן, אויב דער שאדן איז נישט געווען באשערט פאר דעם מענטש פון פארדעם. עס איז נישט שייך א מענטש זאל צורירן צו יענעמס א זאך, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא (יומא לח.) אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו, א מענטש קען נישט צורירן צו וואס עס איז צוגעגרייט פאר יענעם. און אויב פאר יענעם איז צוגעגרייט א שאדן, דעמאלטס קען ראובן קומען און מאכן דעם שאדן. און ווען ראובן וואלט נישט געמאכט דעם שאדן, וואלט ער געהאט דעם שאדן אויף א צווייטע וועג. הרבה דרכים למקום, ווי אזוי דער אייבערשטער קען צוברענגען דעם שאדן פאר יענעם.

**די** זעלבע איז מיט כבוד. מען קען נישט צונעמען יענעמס כבוד. ער מיינט, אז יענער האט אים אוועקגענומען זיין כבוד, און ווער ווייסט וואס ער האט פארלוירן יעצט דורך דעם וואס מען האט מזלזל געווען אין אים. די גמרא (שם) זאגט, אז מען קען נישט צונעמען פון יענעמס כבוד. אויב עס איז באשערט פאר יענעם כבוד, קענסטו טון אלעס אין די וועלט, און יענער וועט צוקומען צו זיין כבוד. בשמך יקראוך, ווען עס קומט די צייט, וועט מען דיך רופן מיטן נאמען, ובמקומך יושיבך, און מען וועט דיר אוועקזעצן אויף דיין פלאץ וואס איז באשערט, אין אדם נוגע במה שמוכן לחבירו, א מענטש קען נישט צורירן צו דעם וואס איז מוכן פאר יענעם.

**אין תניא** (**באגרת הקודש** פרק כה) שטייט, אז אפילו א בעל בחירה, וואס די וועלט זאגט, אז א בעל בחירה קען טון וואס ער וויל, ווייל מען שטערט אים נישט די בחירה. פאר זיך קען ער טון וואס ער וויל, אבער פאר יענעם קען מען נישט טון גארנישט, נאר אז מען האט אויסגערופן פון אויבן. און ער ברענגט א ראיה פון דוד המלך, ווען שמעי בן גרא האט אים געשאלטן, און דער שר צבא האט געוואלט הרג'נען שמעי בן גרא, האט ער געזאגט, וואס ווילסטו פון אים, ה' אמר לו קלל (שמואל ב טז-י). 'ער' האט מיר געשאלטן? דער אייבערשטער האט געהייסען אז ער זאל מיר שעלטן. האט אים דען דער אייבערשטער געהייסען, אז ער זאל אים שעלטן. נאר דער פשט איז, אז דער אייבערשטער האט געהייסען אז מיר קומט יעצט די צער פון א קללה, איז ממילא האט ער מיר צוגעברענגט די צער. ווען א יוד גלייבט אז אלעס איז מן השמים, אז אלעס פירט דער אייבערשטער, איז ער נישט ברוגז אויף יענעם, יענער האט מיר נישט געטון גארנישט, יענער האט נאר געטון א א זאך וואס איז אנגעשריבן פון אויבן אין הימל.

**אין** הייליגע ספרים שטייט א משל דערויף, ווען איינער שלאגט יענעם מיט א שטעקן, און ער גיט יענעם גוטע קלעפ, אויב ער וועט נאכדעם פיינט האבן די שטעקן וואס האט אים געשלאגן, איז ער א טיפש. דו האסט פיינט דעם שטעקן, וואס האט דיר דער שטעקן געטון, דער שטעקן קען דיר עפעס טון? עס איז דא איינער וואס האט גענומען דעם

שטעקן, און ער האט דיר געשלאגן. ווען א מענטש ווייסט דאס, אז אלעס איז אנגעשריבן פון אויבן אין הימל, איז ווען איינער טוט אים עפעס ווי, ווייסט ער אז יענער איז א שטעקן פונעם אייבערשטען, דער באשעפער האט אים געשיקט, אז ער זאל דיר עפעס טון. [דער באשעפער האט אים נישט געשיקט, ווייל ער האט עס נישט געטוארט טון, אבער דער צער פאר דיר וואלט זיך ממילא געקומען. יענער וועט שפעטער אפגעבן דין וחשבון אויף דעם וואס ער האט בוחר געווען, און ער האט עס געטון. אבער בעצם די זאך אליין, וואלט זיך דיר ממילא געקומען]. איז יעדע שנאה, א שנאת חנם, עס איז א אומזיסטיגע שנאה. דו האסט פיינט יענעם אומזיסט, ווייל נישט יענער האט עס דיר געטון, דער אייבערשטער האט יענעם צוגעשיקט אז ער זאל עס טון. און אויב דו האסט טענות, קענסטו זיך מתרעם זיין אויפן באשעפער, אבער נישט אויף דעם מענטש וואס האט עס געטון פאר דיר. וועגן דעם ווערט עס אנגערופן שנאת חנם. - און שנאת חנם איז שקולה אזוי ווי עבודה זרה. וואס איז טייטש עבודה זרה, אז עס פעלט אים אין זיין אמונה אינעם אייבערשטען, דאס איז די בחינה פון עבודה זרה. איז יעדער איינער וואס האט פיינט דעם וואס טוט פאר אים עפעס שלעכטס, פעלט אים אין די בחינה פון אמונה אז עס קומט פונעם אייבערשטען, איז עס שקולה אזוי ווי עבודה זרה.

**מען** דארף נישט קיין גרעסערע ראיה, פון די פרשה די וואך. די פרשה פון יוסף איז אזא שיינע פרשה, וואס מען קען זיך אזויפיל לערנען דערפון. יוסף האט געהאט א חלום, אז יעדער בוקט זיך פאר אים, השמש והירח ואחד עשר כוכבים משתחוים לי (לז-ט), ער וועט זיין מלך, און יעדער בוקט זיך פאר אים. ויקנאו בו אחיו, די ברודערס האבן אים מקנא געווען, ניין, מיר וועלן זיך נישט בוקן פאר דיר. מיר וועלן זיך שוין א עצה געבן מיט דיר, כדי מען זאל זיך נישט בוקן פאר דיר.

**ווען** ער איז אנגעקומען קיין דותן, און זיי האבן געזען אז יוסף קומט אן, ויאמרו הנה בעל החלומות הלזה בא, ועתה לכו ונהרגהו, לאמיר אים הרגענען, ונראה מה יהיו חלומותיו (לז-יט), מיר קענען זיך א עצה געבן מיט דעם בעל החלומות. נאכדעם האבן זיי געטוישט דעם פלאן, מען האט אים נישט גע'הרג'ט, אבער מען האט אים פארקויפט קיין מצרים. פון מצרים קען א עבד נישט אנטלויפן (רש"י שמות יח-ט), איינמאל פאר אלעמאל, מען וועט אים אוועקשיקן דארט קיין מצרים, קיין אפריקא, זאל ער זיצן דארט, און מיר וועלן נישט האבן מיט אים קיין שום שייכות. מיר וועלן אים קיינמאל נישט קענען, און ער וועט אונז מער נישט קענען. מען האט זיך א עצה געגעבן מיט אים.

**וואס** האט זיך אויסגעשטעלט. רבות מחשבות בלב איש, ועצת ה' היא תקום (משלי יט-כא), זיי האבן געוואלט אוועקנעמען די מלוכה פון יוסף, האבן זיי אליין אים געמאכט פאר א מלך. זיי האבן אים געשיקט קיין מצרים, און ער איז געווארן דארט דער מלך, און זיי זענען אלע ארויפגעגאנגען, און זיי האבן זיך געבוקט פאר יוסף. און נישט איין מאל האבן זיי זיך געבוקט, נאר צוויי מאל האבן זיי זיך געבוקט. זיי אליין, וואס זיי האבן געוואלט שטערן דעם פלאן פונעם אייבערשטען, מיט דעם אז מען וועט אים פארקויפן קיין מצרים, האבן זיי אליין צוגעברענגט די פלאן פונעם אייבערשטען. רבות מחשבות בלב איש, א מענטש האט אסאך מחשבות, אבער ועצת ה' היא תקום, וואס דער אייבערשטער וויל, דאס וועט בלייבן.

**עס** שטייט אין **כלי יקר** (פ' שמות ד"ה אשר לא ידע), אז ביי פרעה איז אויך געווען די זעלבע, ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף, ויאמר הבה נתחכמה לו, פן ירבה, ווער ווייסט וואס עס וועט זיין מיט די יודן, זיי וועלן זיך פארמערן, והיה כי תקראנה מלחמה, ונוסף גם הוא על שונאינו. לאמיר זוכן א עצה, לאמיר זיי גיין פייניגן, וועלן מיר פטור ווערן פון זיי. האט דער אייבערשטער געזאגט, וכאשר יענו אותו, כן ירבה וכן יפרוץ (שמות א-ח), ווען דו זאגסט נישט דעם 'פן ירבה', וואלט נישט געווען דער 'כן ירבה'. און עס איז געבוירן ששה בכרס אחד, עס איז געווארן אסאך

אסאך מער, פון זייער פלאן וואס זיי האבן געוואלט ווי טון פאר יודען.

**זאגט** דער **כלי יקר**, ווען פרעה וואלט געקענט די מעשה פון יוסף, און ער וואלט געזען וואס די ברודערס האבן געוואלט טון פאר יוסף, און נישט נאר זיי האבן נישט געטון קין שלעכטס, נאר זיי האבן אים צוגעברענגט צו זיין מלכות, וואלט ער געוואוסט אז מיטן הימל קען מען זיך נישט שלאגן, און ער וואלט נישט אויסגעטראפן די עצות וואס ער וויל למען ענותו בסבלותם. ווייל אז מען האט אנגעשריבן פון הימל אז יודען זאלן זיין, וועלן זיי זיין מיט זיינע פלענער אויך. אבער ויקם מלך חדש על מצרים, אשר לא ידע את יוסף, ער האט נישט געקענט די פרשה פון יוסף. ער האט נישט געקענט די פרשה, אז ביי יוסף האבן אויך די ברודערס געוואלט טון די זעלבע, און מען האט נישט געקענט, וועגן דעם האט ער געוואלט פייניגן יודען.

**און** דאס איז דער שנאת חנם וואס איז דא. עס איז א אומזיסטיגע שנאה, **מען דארף נישט פיינט האבן קיינעם, קיינער קען דיר ממילא גארנישט טון, און קיינער טוט נישט פאר דיר גארנישט. וואס מען האט אויסגערופן פון אויבן, דאס וועט זיין, און וואס מען האט נישט אויסגערופן פון אויבן, קען קיינער נישט צוטון. און יעצט איז דער צייט, ווען מען פאסט אויפן חורבן פונעם בית המקדש, זאל מען משים על הלב זיין, און וויסן אז מען דארף אוועקנעמען ביי זיך יעדע שנאה וואס מען האט איינער אויפן צווייטען.**